# VITZN- BLAGUES -וויצן

צו אַ דאָקטאָר קומט אַ ייִדישע פֿרוי, וואָס באַקלאָגט זיך
אויף גרויסע מאָגן- ווייטיקן.
-ווי לאַנג האָט איר די דאָזיקע ווייטיק?
איך לייד שוין פֿון תשעה-באבֿ אָן.
וואָס איז דאָס תשעה-באבֿ ?
דאָס איז די דאַטע פֿון מיט צוויי טויזנד יאָר צוריק, זינט דעם חורבן בית-המקדש
איך באַדויער זייער ליבע פֿרוי, אַ קרענק פֿון צוויי טויזנד יאָר קען איך נישט
אויסהיילן.

------------------

שפּעט בײַ נאַכט, ווערט אַ ייִד באַפֿאַלן פֿון אַ באַנדיט וואָס שרייט אויס :
" גיב אַהער דאָס געלט אָדער איך דערהרגע דיך!"
דער ייִד בעט זיך בײַ אים:
-האָט רחמנות הער מערדער, מײַן פֿרוי וועט מיר פֿאַרביטערן מײַן גאַנץ לעבן אויב
איך וועל אַהיים קומען אָן געלט
איך באַדויער זייער , ענטפֿערט דער באַנדיט אָבער מײַן פֿרוי האָט דעם זעלבן
כאַראַקטער.

-------------------

פֿאַרן משפּעטן אַ גַנבֿ, קומט דער בגַנבעטער און בעט דעם ריכטער צו דערלויבן
אים רעדן מיטן בשולדיקטן
-וואָס ווילט איר זאָגן? פֿרעגט דער ריכטער
-איך בין גרייט צוריקצוציִען מײַן אָנקלאָגע, אויב ער וועט מיר אויפקלערן ווי אַזוי
ער איז אַרײַן צו מיר אין דער ווינונג און נישט אויפֿגעוועקט מײַן פֿרוי.

--------------------

דער איידעם איז פֿאַרמישפּט געוואָרן צו באַצאָלען שטראָף, ווײַל ער האָט
אָנגערופֿען זײַן שוויגער: בהמה
-איר וועט וויסן אויף ווײַטער נישט צו באַנוצן אַזעלעכע אויסדריקן,
וואָס באַליידיקט יעדערן פֿון אונדז, דערקלערט דער ריכטער
דער איידעם פֿרעגט דאַן:
-און ווען מען זאָגט צו אַ בהמה "געערטע מאַדאַם",
ווערט מען אויך באַשטראָפֿן?
-פֿאַרשטייט זיך אַז נישט, ענטפֿערט דער ריכטער.
דאַן ווענדעט זיך דער איידעם צו זײַן שוויגער
-נו, זײַט מחול "געערטע מאַדאַם"!

---------------------

בײַ נאַכט וועקט אויף אַ פֿרוי איר מאַן.
-שטיי אויף, איך האָב דיר איבערצוגעבן זייער אַ שלעכטע בשורה.
-אָבער ווייסט וואָס .. איך וועל שוין צוּוואַרטן ביז פֿרי, ווײַל אַנדערש
וועסטו אַ גאַנצע נאַכט נישט קאָנען קיין אויג צו מאַכן

Tsu a doktor kumt a yiddishe froy, vos baklogt zikh oyf groyse mogen- veytikn
-Vi lang hot ir di dozike veytik?
-Ikh leyd shoyn fun Tishe-Bov on !
-Vos iz dos Tishe-Bov?
-Dos iz di date fun mit tzvey toyznd yor tsurik, zint dem khurbn beys hamikdesh.
-Ikh badoyer zeyer, libe froy : A krenk fun tzvey toyznd yor ken ikh nicht oysheyln !

Une femme se rend chez le docteur et se plaint de fortes douleurs au ventre.
« -Depuis quand souffrez vous de ces douleurs ?
-Je souffre depuis Tishe Bof – (Tisha beav).
- Qu'est ce que c'est Tishe Bof ?
- C'est la date de la destruction du Temple, il y a deux mille ans
-Je regrette beaucoup madame : Je ne peux pas guérir une maladie datant de 2000 ans. »

Shpet bay nakht vert a yid bafaln fun a bandit, vos shreyt oys :
- Gib aher dos gelt, oder ikh derharget dikh !
Der yid bet zikh bay im : - Hot rakhmones, herr merder, mayn froy ver mir farbitern mayn gants lebn oyb ikh vel aheym kumen on gelt .
-Ikh badoyer zeyer- entfert der bandit- ober mayn froy hot dem zelbn kharakter!.

Tard dans la nuit, un juif se fait attaquer par un brigand qui l'interpelle ainsi :
« -Aboule ton fric ou je te tue !
Le juif l'implore : Ayez pitié, monsieur l'assassin, ma femme m'en voudra toute ma vie si je rentre à la maison sans argent !
-Je regrette beaucoup, lui répond le bandit, mais ma femme a le même caractère ! »

Farn mishpetn a ganef, kumt der baganveter, un bet dem rikhter tsu derloybn im redn mint bashuldiktn.
- Vos vilt ir im zogen? Fregt der rikhter.
- Kh'bin greyt tsuriktsutsien mayn onkloge, oyb er vet mir oyfklern vi azoy er iz arayn tsu mir in der voynung un nicht oyfgevekt mayn froy! .

Avant le procès d'un voleur, le plaignant prie le juge de l'autoriser à parler avec l'accusé :
« -Que voulez vouד lui dire? Lui demande le juge.
-Je suis prêt à retirer ma plainte, s'il m'explique comment il a pu pénétrer chez moi, dans mon appartenment, sans réveiller ma femme! »

Der eydem iz farmishpet gevorn tsu batsoln shtrof, vayl er hot angerufn zayn shviger : bahayme :
-Ir vet vissn oyf vayter nicht tsu banutsn a zelekhe oysdrikn, vos balaydikt yedern fun undz- derklert der rikhter.
Der eydem fregt dan : un ven men zogt tsu a bahayme 'geerte madam', vert men oykh bashtrofn ?
-Farshteyt zikh az nicht! Entfert der rikhter
-Dan vendet zikh der eydem tsu zayn shviger:
-Nu ? zayt moykhl, geerte madam!.

Un "gendre" est condamné à payer une amende pour avoir traité sa belle-mère de : bourrique
« -Vous saurez à l'avenir qu'il ne faut pas utiliser de telles expressions, vexantes pour chacun de nous -lui explique le juge.
-Le gendre demande alors : Et quand on dit à une bourrique ," chère madame", est- on aussi puni?
-Bien sur que non, lui répond le juge.
-Alors le gendre se tourne vers sa belle mère :
-Alors, excusez moi, "chère madame !" »

Bay nakht vekt oyf afroy ir man.
«-Shtey oyf ! Ikh hob dir ibertsugebn zeyer a shlekhte besore,
ober veyst vos...., ikh vel shoyn tsuvartn biz fri, vayl andersh vestu a gantse nakht nisht konen keyn og tsumakhn ! »

Une femme réveille son mari en pleine nuit.
«- Debout ! J'ai à t'annoncer une mauvaise nouvelle.. mais tu sais quoi,
je vais attendre jusqu'au matin, sinon tu ne pourras pas fermer
l'oeil de la nuit ! »